# מיט א טיפערן בליק

## פרשת כי תצא תשפ"ה

# אונזער הייליגע חבורה!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר שטייען שוין אצינד אין פרשת כי תצא, א פרשה וואס איז פיל מיט פארשידענע מצוות פון אלע סארטן, ווי אויך מצד די זמן, די טעג פון חודש אלול רוקן זיך ווייטער און ווייטער, טעג אין וועלכע עס פאָדערן זיך התבוננות, עבודה, און הכנה צו די הייליגע טעג הבאים לקראתינו לשלום.

אין אנהייב פון אונזער פרשה רעדט די תורה הקדושה וועגן מלחמה האלטן, כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, אז דו וועסט ארויסגיין אין א מלחמה קעגן דיין פיינט, און דער אייבישטער וועט זיי איבערגעבן אין דיינע הענט. פון דארט איז די תורה ממשיך מיט פארשידענע מצוות און דינים, ביז אינמיטן די פרשה קומען מיר ווידער צוריק צום ענין פון ארויסגיין אין מלחמה, ווי עס שטייט (כ"ג י') כִּי תֵצֵא מַחֲנֶה עַל אֹיְבֶיךָ, ווען דו וועסט ארויסגיין אין א מחנה - א לאַגער פון סאלדאטן, וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רָע, זאלסטו זיך היטן פון שלעכטע זאכן. [פשוט פשט איז דאס א ציווי אז מ'זאל זיך היטן פון עבירות, ווי **רש"י** איז מסביר ווייל דער שטן איז מקטרג בשעת הסכנה, דעריבער דארף מען זיך ספעציעל היטן ווען מ'גייט ארויס אין מלחמה אז ס'זאל נישט קומען קיין קטרוג חלילה].

מיר געפונען דא א שטיקל חידוש, אז די תורה הק' באנוצט זיך מיט'ן לשון 'מחנה' אנשטאט 'מלחמה' אזויווי אין די פריערדיגע צוויי מאל ווען מ'רעדט פון ארויסגיין אין מלחמה (איין מאל סוף פרשת שופטים און איין מאל אנהייב פרשת כי תצא). ווי אויך באמערקן מיר אין די ווערטער פונעם **ספרי** אויפן פלאץ, **"כי תצא מחנה על אויביך, כשתהיה יוצא הוי יוצא במחנה"**, אלעמאל ווען מ'גייט ארויס זאל מען נאר אויסגיין מיט א מחנה. וואס מיינט דאס? וואו אהין גייט מען און פארוואס דארף דאס שטענדיג זיין במחנה?

לאמיר כאפן א בליק אביסל ווייטער, און זיך אפשטעלן אויף נאך א אינטערסאנטע זאך וואס שטייט אין אונזער פרשה. צווישן די פילע דינים, דערציילט די תורה אז טאמער צוויי מענער קריגן זיך ארום צווישן זיך, עס ברעכט אויס א געשלעג צווישן זיי, און די ווייב פון איינער פון זיי וויל אפשטעלן די קריגעריי, דעריבער מישט זי זיך אריין און כאפט אָן דעם פרעמדן מאן און מאכט איהם בזיונות כדי ער זאל אפלאזן איר מאן, איז דער עונש פון די פרוי (כ"ה י"ב) "וְקַצֹּתָה אֶת כַּפָּהּ". פשוט פשט איז די טייטש פון די ווערטער אז מען זאל אפשניידן איר האנט אלס א עונש פאר אירע מעשים מיט די הענט. קומען אבער חכמינו ז"ל, ווי **רש"י** ברענגט, און לערנען אונז אז נישט דאס מיינט מען דא, נאר די כוונה איז אז זי דארף באצאלן געלט, (מען נעמט אוועק פון אירע 'מעשי ידים' די ארבייט וואס זי טוט מיט די הענט). און מען לערנט דאס ארויס מיט א גזירה שוה פון עדים זוממין.

דארף מען פארשטיין, אויב די כוונת התורה איז צו זאגן אז זי דארף באצאלן געלט אלס שטראף אויף אירע מעשים, פארוואס שטייט דאס נישט בפירוש? פארוואס האט די תורה אויסגעוועלט דאס צו דערמאנען מיט א לשון וואס איז משמע עפעס אנדערש?

לאמיר זיך אביסל פארטיפן אין די ענינים בעזהשי"ת און ארויסנעמען דערפון א לימוד וואס איז נוגע, בפרט אין די יעצטיגע געהויבענע טעג.

**די געוואלדיגע הכנה בין אדם לחבירו**

האלטנדיג סמוך ונראה צום גרויסן יום טוב ראש השנה, פרעגט זיך יעדער איד, וואס איז די ריכטיגע הכנה צו מאכן, וואס איז מיין עבודה אין אזא זמן, וואס איז די פאסיגסטע וועג זיך צו גרייטן צום יום הדין?

רוב פון אונז וואלטן זיכער געטראכט אז די עיקרי עבודה אין די טעג זענען ענינים פון בין אדם למקום, מוסיף זיין אין תורה ועבודה, פארמערן תשובה תפלה און צדקה, און אזוי ווייטער. [פארשטייט זיך אז דאס אלעס איז באמת טאקע א חלק פון אונזער הכנה אין די טעג], אבער לאמיר לערנען אינאיינעם א שטיקל **תפארת שלמה** אין אונזער פרשה, אויפן אויבנדערמאנטן פסוק כִּי תֵצֵא מַחֲנֶה עַל אֹיְבֶיךָ, וואס לערנט אונז א יסוד נפלא בנוגע די ריכטיגע הכנה פאר די הייליגע טעג.

דער תפארת שלמה טייטשט אז כִּי תֵצֵא מַחֲנֶה עַל אֹיְבֶיךָ גייט ארויף אויפן טאג פון ראש השנה ווען עס קומען צו גיין מחנות פון מקטריגים און סטרא אחרא צו רעדן שלעכטס אויפן מענטש ח"ו, דארפן מיר זיך גרייטן דערויף צו קענען אפשלאגן די אלע מקטריגים. **"ועיקר ההכנה על יום הנורא הזה להיות אחוה וריעות בין בני ישראל"** די ריכטיגע הכנה וואס מיר קענען מאכן צום גרויסן טאג, איז דורך אהבה אחוה און ריעות צווישן אידישע קינדער, ווי דוד המלך זאגט אין **תהלים** (צ"ח) בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ ה' [וואס איז מרמז אויף ראש השנה ווען מ'בלאזט שופר], הריעו איז א לשון פון 'רֵיעוּת' און פריינטשאפט, מ'דארף ליב האבן און אנערקענען די מעלות פון יעדער איד. אויך שטייט "אָז יְרַנְּנוּ כָּל עֲצֵי יָעַר" עצי יער מיינט ליידיגע ביימער פונעם וואלד וואס גיבן נישט ארויס קיין פירות, אפילו אזעלכע שוואכע אידן וואס ס'זעהט אויס אז זיי האבן נישט אין זיך קיין שום מעלה און גוטע מידה, אפילו זיי דארף מען ליב האבן און לויבן, ווען עס קומט דער גרויסער זמן פונעם יום הדין "לִפְנֵי ה' כִּי בָא כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ". **"כי לא יבצר מכל איש מבנ"י להיות לו איזה מעלה שלא נמצא בזולתו". ווייל עס איז נישט מעגליך אזא זאך אז ס'זאל זיין א אידיש קינד וואס האט נישט אין זיך עפעס א מעלה וואס געפונט זיך נישט אין א צווייטן!**

דערמיט ערקלערט דער תפארת שלמה זי"ע, די כוונת הפסוק "כִּי תֵצֵא מַחֲנֶה עַל אֹיְבֶיךָ וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רָע" די תורה הק' וואָרנט אונז דערמיט "וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רָע" זאלסט זיך אכטונג געבן פון רעדן שלעכטס און אוועקמאכן א צווייטן. ווי עס שטייט "מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים" דער וואס וויל

זוכה זיין צו לעבן, ער וויל זוכה זיין צו זכרנו לחיים אום ראש השנה, איז די עצה "נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה", ווייל אז א איד רעדט נישט קיין שלעכטס אויף יענעם און ער האלט יענעם פאר א צדיק, דאן וועט איהם דער אייבישטער ארייננשרייבן אין ספרן של צדיקים, עבדה"ק פונעם תפארת שלמה.

**נאר אזוי איז מען ממליך דעם אייבישטער**

הערן מיר דא א דבר נפלא, די בעססטע הכנה צום גרויסן יום הדין איז ווען א איד האלט זיך צוריק פון רעדן שלעכטס אויף אנדערע, ער לעבט באחדות מיט אנדערע אידן, ער פאַרמערט אהבת ישראל און דיבוק חברים.

לאמיר פראבירן צו פארשטיין דעם ענין, וואס איז טאקע די באדייט דערפון? וויאזוי ווערט פון דעם א הכנה צו די ימים נוראים, וואס איז די קשר צווישן אהבת חברים און ראש השנה?

לכאורה קען מען דאס ערקלערן מיט די מהות און די עבודת היום פון ראש השנה. ווי מיר וויסן פון חז"ל און פון **ספרים הקדושים** איז אונזער עיקר עבודה ראש השנה ממליך צו זיין דעם אייבישטער, עס איז דער טאג אין וועלכע השי"ת ווערט כביכול אזויווי 'אויפגענומען' אויף אונז פון דאסניי אלס דער מלך העולם. אויב א איד איז ממליך דעם אייבישטער אויף זיך מיט אן אמת, דאן גלייבט ער באמונה שלימה אז הקב"ה איז דער בורא ומנהיג לכל הברואים, ער איז דער מסבב כל הסיבות וואס פירט יעדע איינציגסטע פרט אויף די וועלט, און ער איז דער וואס באַשערט אלעס פון אויבן.

חז"ל זאגן אונז "אֵין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה" אפילו א קליינע קלאפ אויפן פינגער קומט נישט פון זיך אליינס, נאר עס ווערט אויסגערופן פריער פון הימל אז אזוי דארף פאסירן. עַל אחת כמה וכמה ווען איינער טוט אונז וויי, א מענטש איז אונז מצער, איינער מאכט אונז שאדן, דאס אלעס איז אודאי און אודאי א חלק פון גזירת שמים וואס ווערט געשיקט מיט א פונקטליכע חשבון פון אויבן.

קומט אויס אז ווען א איד האלט אָן א שווער הארץ אויף א צווייטן, ער באַרעדט יענעם און קריגט זיך מיט איהם, פעלט איהם אין 'מלכות שמים' און ער איז נישט ממליך דעם אייבישטער בשלימות ח"ו. אויב וואלט ער געגלייבט מיט אן אמת אז דער באשעפער איז מלך העולם וואס טוט אלעס און פירט אלעס, דאן וואלט נישט געווען קיין מקום פאר די אלע קריגערייען און טענות בין אדם לחבירו.

די זעלבע איז אויך לגבי אנערקענען די מעלות פון א צווייטן ווי מיר האבן פריער געזען אין די ווערטער פונעם תפארת שלמה, אז מ'טאר נישט רעדן שלעכטס אויף אן אנדערע איד און מ'דארף ליב האבן און איינזעהן די מעלות פון יעדער איד. דאס איז אלעס א חלק פון ממליך זיין דעם אייבישטער, ווייל מיט דעם רופן מיר אויס אז דער רבוש"ע איז אונזער פאטער און אונזער קעניג, און מיר האבן ליב זיינע קינדער, מיר שעצן זיינע ברואים. ווי עס איז באקאנט פון צדיקים אז אהבת השי"ת און אהבת ישראל זענען געקניפט און געבינדן, ווייל דער וואס האט איינעם ליב באמת, האט אויך ליב זיינע קינדער.

קומט אויס אז ווען א מענטש קריגט זיך מיט אנדערע אידן, אדער ער האלט זיך גרעסער און איז מזלזל אין זיי ח"ו, פעלט איהם אין די גאנצע ענין פון ממליך זיין השי"ת. דעריבער איז דאס גאר וויכטיג צו מאכן אט די הכנה פון אהבת חברים, און צוגיין צום הייליגן יום טוב מיט א גאנצע אמונה און התבטלות צו השי"ת.

אמאל איז פארהאן א איד וואס שטעלט זיך טאקע ראש השנה אין שול מיט'ן גרויסן מחזור, ער שרייט המלך מיט א ברען, און ער וויל באמת ממליך זיין דעם אייבישטער. לערנט אונז דער תפארת שלמה אז דאס הייבט זיך אבער אָן מיט'ן בין אדם לחבירו! וויאזוי קוקסטו אָן א צווייטע איד? וויאזוי פירסטו זיך אויף מיט אנדערע? צומאל קענען אונזערע מעשים חלילה זיין א סתירה מיט ממליך זיין דעם אייבישטער. איבערהויפט ווען מ'שטייט אינעם יום הדין ווען עס איז "לְבוֹחֵן לְבָבוֹת בְּיוֹם דִּין, לְיוֹדֵעַ מַחֲשָׁבוֹת בְּיוֹם דִּין" השי"ת קוקט אריין טיף אין אונזערע הערצער און זעהט וואס טוט זיך אפ אין די טיפענישן פון הארץ, דארפן מיר קומען אינגאנצן ריין, אָן קיין חשבונות און אָן קיין שווערע געפילן אויף אנדערע. מיר דארפן וויסן אז אלעס איז פון הימל מיט א פונקטליכע און קלארע חשבון, און קיינער קען אונז נישט קיין שלעכטס טוהן אויב מ'שיקט איהם נישט בגזירת שמים.

**דער חלק 'בין אדם למקום' פונעם קריגעריי**

עס איז וויכטיג ארויסצוברענגען, אז דאס איז זייער א גרויסע עבודה, אויסצורייניגן דאס הארץ און אוועקוואַרפן אלע סכסוכים און מחלוקת, עס געשעעט נישט אין איין מינוט, און קיינער זאגט נישט אז ס'איז גרינג. לא ניתנה תורה למלאכי השרת אז מען זאל דאס קענען געבן א שאקל ארויס פון די ארבל אזוי לייכטערהייט.

איבערהויפט אז צומאל קריגט מען זיך אויף געלט אדער אנדערע ערנסטע זאכן, און דאס דארף אודאי ווערן אדרעסירט און אויסגעגליכן כדי מ'זאל קענען שלום מאכן. יעדער מענטש האט זיינע רעכטן צו עקזיסטירן און טאר זיך נישט לאזן בא'עוול'ען אומזיסט. טראצדעם וואס אלעס איז טאקע באשערט פון אויבן, און די חלק הצער און די עגמת נפש קומט באמת פון הימל, דאָך האט אונז די תורה געגעבן א סדר און א אופן ההנהגה וויאזוי זיך צו פירן אויף דער וועלט, עס איז פארהאן א חושן משפט וואס לערנט אונז דיני ממונות וואס איז יושר על פי תורה און וואס נישט, און מען דארף אודאי גיין צו א רב אדער א דיין זאל מפשר זיין און אויסגלייכן די קריגעריי.

נאר די נקודה איז, אז יעדער איד דארף ארבעטן אויף זיך, זיין אייגענעם חלק 'בין אדם למקום' וואס איז פארוויקלט אינעם קריגעריי, זיינע אייגענע געפילן און הרגשים דארף ער אוועקגעבן פארן אייבישטער און איהם ממליך זיין דארט טיף אין הארץ, מיט'ן וויסן און אנערקענען אז אֵין עוד מלבדו, און נאר דער רבוש"ע האט דאס צוגעשיקט און נאר ער קען איהם העלפן.

**ווען מ'קריגט זיך אויף גארנישט**

ווער רעדט נאך אויב די קריגעריי איז נישט צוליב א ערנסטע זאך, מ'קריגט זיך בלויז אויף קטנות'דיגע ענינים, ווי דער סדר איז אז קליינע נארישקייטן ווערן צומאל אויפגעבלאזן ארויס פון יעדער פראפארציע ביז ס'ווערט א גאנצע מחלוקת געבויט אויף גארנישט. **וויפיל צער און עגמת נפש מאכט מען פאר זיך און פאר יענעם מיט די אייגענע הענט בלויז צוליב שטותים און קליינינקייטן, וואס מיט אביסל מחשבה און רצון וואלט מען געקענט פארמיידן.**

דאס דארף מען דאָך זיכער אויסרייסן מכל וכל, און מען טאר דאס נישט לאזן אין הארץ. אזא קריגעריי איז בעצם נישט בארעכטיגט און נישט געזונט סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, און איז באמת א סתירה צו מלכות שמים! א איד וואס האט ליב דעם אבינו מלכנו, קען נישט האבן אזעלכע קריגערייען מיט א צווייטער איד.

אז מ'רעדט שוין, וויל איך מיטטיילן א מעשה'לע אין דעם נושא. נישט לאנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון א איד, אז ביי זיי אין משפחה האט מיט יארן פריער אויסגעבראכן א סכסוך איבער א געוויסע ענין, א געלט זאך. פון א קליינע פייער איז געווארן א גרויסע, און עס איז פארוואנדלט געווארן אין א גאר שווערע מחלוקת און קריגעריי. דער בעל מספר דערציילט אז ער האט געהאט איין שוואגער מיט וועמען ער האט נישט גערעדט פאר בערך פופצן יאר(!) אדער מער. די גאנצע משפחה האט געוואוסט אז זיי זענען צוקריגט און אז זיי פארטוישן נישט קיין ווארט, זיי פלעגן זיין אונטער איין דאַך בלויז ביי שמחות אדער אנדערע גאר נאנטע פארזאמלונגען וואו מען האט געמוזט אנטייל נעמען לכבוד די עלטערן.

דערציילט ער ווייטער: ווען איך האב חתונה געמאכט א קינד, איז מיין שוואגער טאקע געקומען אזוי ווי אונזער שטייגער איז געווען, אבער אלע אנוועזנדע האבן גאנץ גוט געוואוסט אז די הערצער זענען נישט דא, מען האט אנגעשטעלט א שיינעם פנים, מ'האט געטאנצן עטליכע מינוט אינעם זעלבן רינג, און דערנאך איז געווען מפטירין כדאתמול, פון דארט און ווייטער איז אלעס צוריק צום אלטן.

עס גייט אדורך א שטיק צייט, די בילדער פון די חתונה זענען אנגעקומען און זענען געלעגן אויפן טיש ביי מיר אין שטוב. מיין זוהן איז געזעצן און זיך אומגעקוקט אויף זיי צוזאמען מיט מיר, ווען פלוצלינג זענען זיינע אויגן געפאלן אויף א בילד וואו מ'זעהט מיר און מיין שוואגער טאנצן אינאיינעם. דאס בילד האט איהם געגעבן א פתח ארויפצוברענגען אויפן טיש א טעמע פון וואס מ'האט ווייניג גערעדט ביי אונז אין שטוב, און ער גיבט מיר אזא פרעג מסיח לפי תומו, "טאטי, דו ווייסט, ס'איז אזא שיין בילד ווי פעטער יענקל טאנצט מיט דיר ביי די חתונה... וואס איז טאקע די מעשה מיט איהם? וואס איז פשט פון די מחלוקת?"

מיין זוהן איז שוין אן ערוואקסענער בחור, איך האב געקלערט צו מיר אז כ'קען איהם אביסל געבן צו פארשטיין וואס עס איז זיך פארלאפן אינעם ווייטן עָבַר, זאל ער טאקע וויסן איינמאל פאר אלעמאל ווי שטארק מיין שוואגער האט מיר בא'עוול'ט און מיר קריגן זיך נישט פאר גארנישט. איך פאַנג אָן צו רעדן און צוריקצוגיין צו די ימי בראשית פון אונזער מחלוקת, אבער גאנץ שנעל האב איך אנגעהויבן צו העקעצן און מעקעצן, מיינע ווערטער און פאַקטן זענען ארויסגעקומען נעבעכדיג און צובראכן... איך האב אליינס באמערקט אז בעצם האב איך נישט אזויפיל וואס צו זאגן. עס איז טאקע געווען עפעס א שטיקל סכסוך אמאל, אבער פון דארט איז עס סתם געווארן פארוואנדלט אינגאנצן אומבארעכטיגט אין ריזיגע בערג פון שנאה, וואס האבן זיך אויפגעהויפנט אייינס אויף די אנדערע, ביז מ'האט שוין כמעט נישט געדענקט די עכטע סיבה איבער וואס מען קריגט זיך. איך האב געשפירט ביי זיך קליין און נאריש, פארשעמט פון זיך אליין, נישט קענענדיג ערקלערן מיינע מעשים פאר מיין זוהן. דער אמת האט מיר אזוי שטארק געפאַטשט אין פנים אריין, און בעזהשי"ת האט דאס געדינט אלס אן ערוועקונג זיך איבערצובעטן און ברענגען שלום אין די משפחה.

**די געפערליכע עונש אויף מחלוקת**

טייערע אידן, פירושים זענען איבעריג נאכן הערן אזא מעשה... יעדער איינער וואס איז פארוויקלט אין א מחלוקת דארף מאכן א חשבון הנפש, אויב זעהט ער נישט אויס ווי יענער איד וואס געדענקט שוין אליינס נישט איבער וואס מען קריגט זיך, אַבִּי מען קריגט זיך.

ווי עס איז באקאנט וואס דער **רמב"ם** און נאך שרייבן אז מחלוקת איז ווי א פייער! עס לויפט שנעל און פארשפרייט זיך און מאכט אָן געפערליכע שאדן. ווען עס פלאקערט א פייער טוט עס אנזייען חורבן אויפן גאנצן ארום, פיל מיט זייטיגע הייזער און פארמעגן ווערן אריינגעשלעפט בעל כרחם. דאס זעלבע פאסירט מיט מענטשן אין א מחלוקת, עס לויפט און ברענט, און כאפט זיי אריין אין די פלאמען פון מחלוקת, ביז ס'איז שווער צו פארלעשן.

אז מענטשן וואלטן געמאכט דעם ריכטיגן חשבון וואלטן זיי צוגעקומען צו די מסקנה אז עס לוינט זיך פשוט נישט. מען וואלט געקענט שפּאָרן אזויפיל הארץ עסעניש און ווייטאג ווען מ'שטארקט זיך לכתחילה און מ'איז מוחל אדער מוותר, אדער אויב מ'וואלט זיך נישט געהאלטן אזוי גרויס.

רעדנדיג פון דעם, ברענגט אונז דאס צו א פאסיגע פשט אינעם פסוק "וְקַצֹּתָה אֶת כַּפָּהּ", וועלכע מיר האבן פריער מדייק געווען, פארוואס האט די תורה געשריבן א לשון פון אפהאַקן די האנט ווען באמת איז די כוונה אויף ממון. נאר ווי מיר רעדן קען זיין די כוונה, ווייל די תורה הקדושה וויל אונז לערנען דעם חומר הענין פון זיך אריינמישן אין א מחלוקת! ווען איינער קומט נעמען א צד, אדער אפילו נאר 'ארויסהעלפן' אביסל, נישט קיין חילוק ווי גוט די כוונות און רצונות זענען, פאר אזא איינעם קומט זיך דאס ערגסטע, א שרעקליכע עונש פון "וְקַצֹּתָה אֶת כַּפָּהּ", עכט וואלט מען אזא איינעם געזאלט אפהאקן די הענט רח"ל! למעשה האט די תורה הקדושה רחמנות געהאט אויף א אידיש קינד און געהייסן באצאלן געלט ווי די חכמים זאגן אונז. אבער מען דארף דערהערן פון דא און געדענקן דעם חומר הענין ווי ביטער עס איז. [און דער אמת איז, עס מוז אפילו נישט זיין בתורת עונש, דאס איז פשוט די מציאות, ווען איינער שטייט נאנט צו מחלוקת אדער מישט

זיך אריין, דער מאכט זיך אליינס חרוב דאס לעבן און האקט זיך ווי אפ די אייגענע הענט חלילה].

**די געוואלדיגע שמירה פון אחדות**

אין **ספרים הקדושים** שטייט א טייטש אויפן פסוק "כִּי תֵצֵא מַחֲנֶה עַל אֹיְבֶיךָ" די גרעסטע עצה קעגן דער יצר הרע איז ווען אידישע קינדער זענען באחדות, זיי זענען אזוויי איין גרויסע 'מחנה' וואס לעבט אינאיינעם מיט שלום און שלוה, "וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רָע" דאס איז א שמירה קעגן אלע שלעכטס. און ווי מיר האבן דערמאנט פונעם **ספרי**, "כשתהיה יוצא הוי יוצא במחנה" אלעמאל וואו א איד גייט און שטייט, אין יעדע מצב און יעדע געלעגנהייט זאל ער מאכן זיכער זיך צו האלטן צום מחנה, האבן אחדות און ליבשאפט מיט אידישע קינדער.

ווי די משנה ברענגט אין סוף **מסכת עוקצין**, "אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן חֲלַפְתָּא לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם", דאס איז די גרעסטע ברכה, לויט ווי מיר האבן געשמועסט, ווען א איד איז זיך מבטל צום אייבישטער, ער פירט זיך נישט מיט גאוה און גסות הרוח קעגן אנדערע, און ער געדענקט אז דער באשעפער איז דער מסבב כל הסיבות, איז ער מיט דעם ממליך דעם אייבישטער אויף זיך. קומט אויס אז דורכ'ן זיין בשלום ובאחדות מיט אנדערע פאַרמערט מען די השראת השכינה ביי זיך, דאס איז די גרעסטע ברכה און קדושה וואס קען נאר זיין.

בדרך צחות קען מען טייטשן, "כִּי תֵצֵא" ווען מ'גייט ארויס פונעם יאר, ווען מ'האלט אין די טעג איידער ראש השנה, ווען עס איז "תכלה שנה וקללותיה תחל שנה וברכותיה" יעצט איז די צייט זיך צו שטארקן אינעם ענין פון 'מחנה' און אחדות מיט אידישע קינדער, און דאס איז אונזער הכנה און סגולה אויף די הייליגע טעג הבאים עלינו לטובה, ווי דער תפארת שלמה זאגט. און אין דעם זכות וועט מקויים ווערן "וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רָע" השי"ת וועט אונז אפהיטן פון אלעם בייזן, און צורייסן אלע שלעכטע גזר דינים, אכי"ר.

דער ענין איז אויך מרומז אינעם פסוק אין אונזער פרשה (כ"ב ח') "וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ" אז מען דארף מאכן א צוים אויפן דאַך פון א הויז. בדרך רמז איז 'גַגֶּךָ' מרמז אויף גאוה און דערהויבנקייט, ווען דער מענטש האלט זיך העכער און גרעסער פון יעדן. דארף מען וויסן, וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ, צו מאכן דארט א גדר און א גבול, שטעלן א שטארקע שמירה אז מ'זאל חלילה נישט נכשל ווערן אין דעם. נישט אראפקוקן אויף אנדערע, און נישט מזלזל זיין אין אידישע קינדער. און דאס איז ענינא דיומא, די עבודה אינעם יעצטיגן זמן.

**"יותר ראוי ונכון להחזיק במעוז אהבת חברים"**

אז מ'רעדט שוין פון אחדות, איז וויכטיג צו דערמאנען די כוח פון א רבים, א חבורה וואס האלט זיך אינאיינעם. א איד קען האבן אזויפיל תועלת ווען ער איז מקיים דעם עשה לך רב וקנה לך חבר, ווען ער באלאנגט אין א פיינע סביבה פון חברים און גוטע פריינט וואס קענען איהם העלפן שטייגן אין רוחניות. צומאל איז מען טאקע ארומגענומען מיט א געשמאקע קרעמל, און מ'פארברענגט א זוממער אינאיינעם, אבער אויב דינט עס נישט פאר קיין שום אמת'ע תכלית אין רוחניות, דאן וואס איז עס ווערד? אדרבה, די ציל פון א חבורה איז אז מען זאל לערנען אינאיינעם, טוהן גוטע פעולות צוזאמען, הערן דעם דבר השם, ארויסהעלפן איינעם דעם אנדערן, און אזוי ווייטער.

לאמיר מסיים מיט די הייליגע ווערטער פונעם **מאור ושמש** אין אונזער פרשה, וואו ער ברענגט באריכות אז איידער די תקופה פונעם **בעל שם טוב הקדוש זי"ע** פלעגן די ערליכע אידן זיך מתבודד זיין פון ראש חודש אלול און ווייטער, מען האט זיך איינגעשפאַרט און אפגעזונדערט פון די וועלט, און עוסק געווען אין תעניתים און סיגופים צוליב פחד פונעם יום הדין.

שרייבט אויף דעם דער מאור ושמש בלשון קדשו: **"ואולם לא זו הדרך העיקרי בעבודת ה' יתברך, רק העיקר וְהָיָתֵד שהכל תלוי בו ותוכן דרכי התשובה הנכונה המצא תמצא על ידי אהבת חברים ודיבוק חברים והתקרבות לצדיקי הדור, ועל ידי זה יבוא לתכלית ההכנעה, כי יראה עבודת חבריו וגודל תבערת יקוד לבבם והתלהבותם לעבודת הבורא ברוך הוא, ועל ידי זה ילמד לעשות גם הוא כמותם, ויכיר עוותתו וישוב בתשובה שלימה".** די עיקר דרך אין עבודת השי"ת און צו קענען זוכה זיין צו תשובה שלימה, דאס קומט דווקא דורכ'ן יא זיין באהאפטן צו אנדערע אידן, צו לעבן מיט דיבוק חברים און זיך מבטל זיין צו די צדיקי הדור, און זיין צווישן מענטשן וואס מ'קען זיך אפלערנען פון זייערע גוטע מעשים און נאכגיין זייערע גוטע וועגן.

און דער מאור ושמש איז מאריך אין דעם, אז אפילו פארן מענטש דאַכט זיך אפשר אז דורך התבודדות און איינזאמקייט וועט ער מער אויפטוהן, זאל מען וויסן אז דאס איז נישט די אמת, "עם כל זה יותר ראוי ונכון להחזיק במעוז אהבת חברים ולקרב אותם לדרך השם"... דאס איז די ריכטיגע וועג און די פאסיגע הכנה צום יום הדין הבא עלינו לטובה.

לסיכום געדענק:

- התפארת שלמה זי"ע: די ריכטיגע הכנה צו ר"ה איז דורך אהבה ואחוה צווישן אידישע קינדער, און אנערקענען די מעלות פון יעדער איד. יעדער איד האט אין זיך עפעס א מעלה!
- אהבת ישראל איז א חלק פון ממליך זיין הקב"ה. ווייל אז מ'גלייבט באמת און מ'איז זיך מבטל צו השי"ת, איז נישט דא קיין מקום פאר קריגערייען און טענות בין אדם לחבירו.
- די שעדליכקייט פון זיך אריינמישן אין מחלוקת וואס איז ווי א אש להבה. אונזער עבודה דארף זיין פונקט פארקערט, "כשתהיה יוצא הוי יוצא במחנה" אלעמאל זוכן אחדות וריעות.

## א לעכטיגע שבת קודש!

לע"נ הר"ר משה שמעון הלוי ז"ל
בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' שרגא פייביל שליט"א

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com